**UCLA**
**Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn**

**Title**
Araynblik Inem Shafn Fun Y.Y. Shvarts/ Insight Into the Creativity of Y.I. Schwartz

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/3zv3174s

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 97(1)

**Author**
Jacob Zipper, Yankef Ziper/

**Publication Date**
1981

**Copyright Information**
Copyright 1981 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

**יעקב זיפּער / מאָנטרעאָל**

# אַן אַריינבליק אינעם שאַפן פון י. י. שוואַרץ

## (צו זיין 10טער יאָרצייט — 1885-1971)

פון אַ קליין יידיש שטעטל אין דער ליטע, פאַרשטעקט צווישן טונקעלע וועלדער פאַרשלאָסענע אין זיך אין אַ סומנער רווישיקייט, היטנדיק די סודות פון אור־אַלטער פאַרהוילעניש, איז ער אין אָנהייב פון היינטיקן יאָרהונדערט פאַרטראָגן געוואָרן אַהער אינעם געווירבל פון דער פריי־אָפענער אַמעריקאַנער גרויסשטאָטישקייט. ווי פאַר אַ סך פון זיין דור, האָט דאָס אָנקומען אַהער געמיינט נישט נאָר ראַטעווען זיך פון אַ לאַנד פון אויסזיכטלאָזער נויט און רעכטלאָזיקייט צו אַ לאַנד פון זעט און פרייע אומבאַגרענעצטע מעגלעכקייטן, נאָר אויך פון אַ גורלדיקן אָפּרייסן זיך פון אַ דורותדיק פאַרוואָרצלטער היים מיט אַ זיכערן גלויבן און פאַרהייליקטן לעבנסשטייגער צו אַ נייער אומבאַקאַנטער וועלט מיט אַ פרייען אָנציִענדיק ליכטיקן האָריזאָנט אָן גרענעצן.

דאָס אַריינפּאַסן זיך אין דער וועלט איז נישט נאָר אַ פּערזענלעך עקאָנאָמישער פּראָבלעם פון עקזיסטענץ, נאָר אויך אַ סאָציאַל גייסטיקער נאַציאָנאַלער אַרויסרוף מיט פיינלעכע דילעמעס וועלכע ס'איז ווייטיקלעך שווער בייצוקומען אָן אַ ביטערן געראַנגל. באַזונדערס שווער איז עס פאַר אַ סענסיטיוו שעפערישן מענטשן וועלכער טראָגט אין זיכרון און אין האַרצן דעם ליכטיקן שיין פון דער פאַרלאָזענער היים, אין וועלכער דורות האָבן זיך געוואַרעמט און איבערגעטראָגן אַלע דרויסנדיקע שטורעמס. ערשט אין דער פרעמדער־ווייט דערשפירט מען, אַז די דורותדיקע היים, וואָס אַט ערשט אָ האָט זיך געדאַכט, אַז זי פּענטעט דיך בלויז מיט איר ענגקייט און באַגרענעצ־קייט, און דאָס וועלן זיך אַרויסרייסן איז געוואָרן ממש דער העכסטער אידעאַל, זעט גאָר אויס נאָכן רעאַלן דערווייטערן זיך פון איר ווי דער פאַרלאָזענער גן־עדן צו וועלכן דאָס האַרץ גייט אויס פון בענקשאַפט. ווי אַן עלנטע טויב וואָרקעט זי אין געמיט און זוכט אַן אָרט פאַר זיך אין דער נייער וואָר.

עפּעס פון דער איבערלעבונג זעען מיר אין די לידער פון י. י. שוואַרץ אין די ערשטע יאָרן דאָ:

„מיר האָבן זיך פון דער אַלטער היים געשיידט —
אַ שטורעם־ווינט האָט אונדז אַהער פון וויט פאַרוויט,
ס'האָט איינער ווו אַן אַלטע מאַמען דאָרט געלאָזן
און איינער האָט אַ טאַטנס קבר צווישן גראָזן. — — —

... און אָפּגעריסן ווי אַ צווייג פון אַלטן בוים,
גענומען האָבן מיר זיך בויען אונדזער נייע היים;
דער גרויסער, ברייטער ים־אוקיינוס אינדערמיטן.
דער אַלטער שטאַם איז דאָרט, דאָס האַרץ פאַרשניטן,

(צעשיידונג)

פון דער רבנישער היים האָט ער מיטגעבראַכט אַ טיפֿן יידישן וויסן צוזאַמען מיט אַ באַגנדיקן טרויער און ציטער אויף דעם טאַטנס באַזאָרגטקייט (וואָס איז שוין איצט אויך זיינע), ביי געזעגענען זיך, אַז ער זאָל חלילה נישט פאַרבלענדט ווערן פונעם גלאַנץ פון דער פרייער פרעמד און חלילה פאַרגעסן „אונדזער גאַנג איבער דער וועלט." דאָס געפיל, אַז —

„איבער מיר האָבן דורות געוויינט"
...„מיין קינד, זיי אַ ייד,
זאָל דיין טאַטנס ירושה און לייד
אין דיין האַרצן טיף ווערן געהיט."
(אַ ירושה)

האָט אים דאַן כסדר באַגלייט אין זיין שאַפן.

אָנקומענדיק אויף דעם קאָנטינענט, אין אָנהייב פון דעם יאָרהונדערט, איז ער ווי אַ סך פון זיין דור צעטומלט, דערשראָקן געוואָרן פון דער פרעמדער רוישיקייט פון דער גרויסער שטאָט, און דערשטוינט און פאַרבליפט געוואָרן פון דער אָן־ענד־לעכער ריזיקער נאַטור, וואָס פאַרהוילט און אַנטפּלעקט גאָר אַן אַנדערע מעשה־בראשית און פעלקער־גורל. דער גראַנגל פאַרן פערזענלעכן קיום און איינהיימישן זיך דאָ, האָט נאָך מער פאַרשאַרפט דעם פחד־געפיל און ציטער פאַרן פראָצעס פון ניוועלירונג פון דעם ירושה־שטייגער וואָס קען זיך דאָ קיין אָרט נישט געפינען. ס'איז אים אַלץ פרעמד דאָ און ער בלאָנקעט אַרום אַן איינזאַמער, באַהערשט פון אַ געפיל פון פאַר־לאָרנקייט. דאָס דאָזיקע איבערלעבן זוכט דעם קינסטלערישן תיקון אין דעם ליריש־עלעגישן ליד זיינעם אין וועלכן ער איז אין גאַנצן געווען אַריינגעטאָן אין יענע אָנהייב יאָרן.

„...וואָס איז באַשערט אונדז אָט דאָ, אין סמבטיון פון לעבן —
קענסטו דעם ענטפער צום דאָזיקן רעטעניש געבן?
וואָס האָט מיין גאָט אונדז באַשטימט און וואָס וועט ער באַוויזן,
קען דען זיין וואָרט אַרויסשפּראָצן פון שטיין און פון אייזן?
וועלן מיר איינער דעם צווייטן אין טומל פאַרלירן?"
(אַ רעטעניש)

אין די לידער פון יענעם פעריאָד קומט ביי אים דער עיקר צום אויסדרוק די שרעק פאַרן פאַרלירן זיך אין געטומל פון דער נייער פרעמד. ווי אַ סך אַזעלכע ווי ער בלאָנקעט ער דאָ אַרום אַ פאַרציטערטער אויף די פרעמדע וועגן, באַוועלטיקט פון אַ דערדריקנדיקן פחד, אַז די נייע פרעמד איז נישט קיין נייער אָנהייב נאָר אַ סוף פון דעם וואָס איז געווען.

אין אַ סך יאָרן שפּעטער, ווען ער וועט אין זיכרון צוריקבליקן צו אָט דער צייט, וועט ער קלאָרער דערזען דעם באמת הערויִשן גראַנגל פאַר־ דערהאַלטונג וואָס איז דאָ אָנגעגאַנגען, און ער וועט קינסטלעריש געשטאַלטיקן די מאָמענטן פון גרויס מענטשלעכקייט און משפּחהדיק יידישע אחריות וואָס די צעדריבלטע עדה עמיגראַנטן האָט אַרויסגעוויזן אין די אָנהייב יאָרן אין דער נייער פרעמד. איצט אָבער זעט ער בלויז אַ רוישנדיקן סמבטיון און אַ געטומל צווישן שטיין און אייזן וועלכער ניוועלירט

און פאַרשטומט אַלץ וואָס האָט אַמאָל געגערט די יידישע נשמה. אויך דאָס דערוויסן זיך וואָס עס איז דאָ געוואָרן פון די סאַמע ערשטע יידישע משפּחות פון גלות ספרד, וועלכע זיינען אַנטרונגען אַהער מיט יאָרהונדערטער צוריק, פאַרשטאַרקט אין אים דעם דאַזיקן פּחד־געפיל. ווען ער קומט אויף די שפּורן פון די ערשטע איינוואַנדערער אויפן אַלטן פאַרוואָרלאָזטן בית־עולם, שוידערט ער אויף:

„...ס'איז מיך אַ געטלעכע מורא באַפאַלן —
...עס האָט מיך דער אייביקער צער אַנגענומען —
ס'איז אַלץ, ווי אין נעפּל, געוואָרן פאַרשוווּנען.
פון יעדער מצבה וואָס ליגט אין איר דרימל,
אַ קול האָט געריסן זיך ביז צונעם הימל.
...עס וואַקסט נישט קיין גרעזל, עס בליט נישט קיין בוימל
אין אייביקן ברויזיקן ווילדן געטימל.—"
(אַ בית־עולם אויף טשעטהעם סקווער)

אָט די מורא און אייביקער צער האָבן כסדר געזוכט אַן אויסדרוק אין זיין קינסט־לערישן שאַפן. זוכנדיק אַן ענטפער אויף דעם רעטעניש, האָט ער נישט געקענט מער נוצן בלויז דאָס ליריש־עלעגישע ליד, ער האָט געמוזט אַרויפגיין אויף דעם היסטאָ־רישן וועג פון „אונדזער גאַנג איבער דער וועלט" און דאָס האָט פאַרלאַנגט אַ נייע פאָרם, וואָס זאָל געבן אַ תיקון צו דעם וואָס ער זוכט אַרויסצוברענגען און אויסדריקן.

מיר זעען אים דאָן גיין מיט „די יונגע", וועלכע האָבן דאָס יחידיש לירישע ליד געמאַכט פאַרן הויפּט אני־מאמין פון זייער קינסטלערישער קרעדאָ. ער קען עס אָבער נישט אָננעמען. דער עיקר איז, ער ווייסט פון זייער וועלן זיך דערווייטערן פון נאַציאָ־נאַלע און סאָציאַלע מאָטיוון. זיין נאָענטקייט מיט די „יונגע" איז דעריבער אין תוך בלויז אַ פאָרמעלע. אגב, דורך אַ טיפערן אַריינבליק אין דעם שאַפן פון „די יונגע", קען מען באַווייזן אַז אפילו די פון זיי, וועלכע האָבן אָנגענומען דעם פּולן אני־מאמין זייערן, זיינען נישט געווען פון איין גוס געפורעמט און זייערע קינסטלערישע וועגן האָבן זיך פאַרשיידנאַרטיק געשטאַלטיקט. בכלל קען מען ביי אמתע קינסטלערס מער ווי פון אַ נאָענטקייט נישט רעדן.

די נאָענטקייט זייערע איז באַשטאַנען דער עיקר אין דעם וואָס זיי האָבן אין רוב געשטאַמט פון איין מיליע און געטראָגן אין זיך דעם אַראָמאַט פון מזרח־אייראָפּעישער לאַנדשאַפט און דעם ווייטיקדיקן ביטער־זיסן אָטעם פון דער יידישער היים אויפן שוועל פון איבערברוך און פאַרגיין. פאַרוואָס ביי אייניקע פון זיי האָט עס געגומען קומען צום אויסדרוק אין זייער שאַפן פריער און ביי אייניקע שפּעטער אָדער געבליבן כמעט נישט אָנזעעוודיק, וואָלט באַדאַרפט גרינטלעכער אויסגעפאָרשט ווערן. דערוויל איז עס פון די מדרש־פּליאות פון די נישט קלאָרע און באַהאַלטענע זיגזאַג־וועגן פון קינסטלערישן אויסדריקן זיך.

ווי געזאָגט אויבן, האָט י. י. שוואַרץ זיך גלייך פון אָנהייב אויסגעטיילט מיטן זוכן דעם באַשייד פאַר דעם „רעטעניש" פונעם יידישן שאַפן און לעבן אין די פרעמדן, וואָס ווערן היים אויף לענגערע אָדער קירצערע אָפּשניטן. דאָס האָט כסדר געגערט דעם

קינסטלערישן נייגער זייַנעם צו אַנטפּלעקן דעם פֿאַרבינד־שנור פֿונעם „דורותדיקן אייביקן גאַנג אין דער וועלט.“ אויף זייַנע מייסטערהאַפֿטע איבערזעצונגען פֿון פֿאַר־שיידענע תקופות האָבן אַחוץ דעם באַרייכערן די נייַע יידישע ליטעראַטור און ווונדער־לעכן שלייפֿן דאָס פּאָעטיש יידיש לשון, דער עיקר אויך קינסטלעריש אָנגעוויזן אי אויף דער איבערצייַטיקייט און פֿאַרשיידנאַרטיקייט פֿון יידישן שאַפֿן און אי אויף דער אינערלעכער געבונדנקייט פֿון איין תקופה מיט דער אַנדערער דווקא דורך זייַן פֿאַרוואָרצלט און היימיש מיט פֿאַרשיידענע צייַטן און ערטער.

אויך דאָס עפּישע שילדערן און געבן אַ קינסטלערישן תיקון צו דער נייַער לאַנד־שאַפֿט און מיליע אין „קענטאָקי“ איז אַ פֿאַרמעסט אויפֿצונעמען דאָס פּראָבלעם פֿון פֿאַרהיימישן די נייַע פֿרעמד דורכן דורותדיקן יידישן גאַנג, וואָס האָט שוין נישט איין מאָל דורכגעמאַכט דעם וואַנדער־וועג פֿון לאַנד צו לאַנד און אומעטום געדאַרפֿט אָנהייבן פֿאַרהיימישן די פֿרעמד כדי בייַצוקומען די געפֿאַר פֿון אויפֿגעלייזט צו ווערן אין דער נייַער סביבה. דורכן דערזען דעם איצטיקן יידישן וואַנדערער אינעם שייַן פֿון דדער היסטאָרישער ערפֿאַרונג, איז ער קינסטלעריש וואַך געוואָרן צום געקלאַנג און געשמאַק פֿון נייַעם לאַנד און דערפֿילט דעם פֿרישן ריח פֿון היים, דערשפּירט די ווייטיקלעכע געבורט־ווייען פֿון נייַעם פֿאַרוואָרצלען זיך. „קענטאָקי“ איז דעריבער אַן אַנטפּלעקונג פֿון אַ גרויס מייסטעריש עפּיש ווערק וואָס האָט אי דעם דיכטער, אי די יונגע יידישע ליטעראַטור אַרייַנגעשטעלט און פֿאַרבונדן מיט אונדזער אייביק יידישן גאַנג צום פֿאַרהיימישן זיך אין דער פֿרעמד.

אַ טיפֿערער אַרייַנבליק אין יידישן שאַפֿן ווייַזט, אַז דער יידישער מענטש האָט אין יעדן לאַנד אַרייַן מיטגענומען מיט זיך די ערשטע איבערלעבונגען און לאַנדשאַפֿטן זייַנע, וועלכע נעסטיקן אין אים אָפֿן און פֿאַרבאָרגן נאָך פֿון די תנ״ך צייַטן אָן. שוין ביי די טייכן פֿון בבל זייַנען די ערשט פֿאַרטריבענע געזעסן און געצאַפּלט מיטן גורל־דיקן יאוש אויסגעשריי: „איך נשיר את שיר ה׳ על אדמת נכר?“ ווי אַזוי זאָלן — אָדער קענען מיר זינגען גאָטס ליד אויף פֿרעמדער ערד? אַז אַן ענטפֿער מוז געגעבן ווערן כדי צו קענען ווייטער לעבן און געדייען אין דער פֿאַרטריבנקייט פֿון דער אייגענער היים, האָבן זיי שוין געוווּסט פֿון אַ פֿריערדיקער היסטאָרישער דערפֿאַרונג. די עשרת השבטים וועלכע זייַנען מיט אַ הונדערט יאָר פֿריער געשטאַנען פֿאַר דער זעלבער גורלדיקער דילעמע און קיין ענטפֿער אויפֿן „איך נשיר“ נישט געפֿונען, זייַנען פֿאַר־שוווּנדן אָן אַ שפּור. בלויז אַ פֿאַרהוילענע געדעכעניש איז געבליבן אין זיכרון פֿון פֿאָלק, אַז זיי זייַנען פֿאַרוואָרפֿן געוואָרן ערגעץ הינטער די הרי־חושך, וווּ דער שטיינער שליידנדיקער טייך סמבטיון באַשיצט זיי פֿון אַן אָפֿן מענטשלעך אויג.

דער דאָזיקער שאַרף פּאָעטישער „איך נשיר?“ אויסגעשריי פֿונעם בעל התהילים אין דעם עלעגיש דערציילערישן „על נהרות בבל“, קריגט אויך דאָרט דעם קלאַסישן ענטפֿער וואָס איז געוואָרן דער קינסטלערישער אָנווונג לדורות. „אם אשכחך ירושלים“ (אויב איך וועל דיך פֿאַרגעסן, ירושלים). מיט דעם האָט ער אָנגעוויזן, אַז נאָר דורך האַלטן וואַך אין זיכרון דעם פֿון וואַנען מ׳איז געקומען, וועט מען קענען שפּעטער קומען דערצו, אַז שטייענדיק ביי די זעלבע פֿרעמדע טייכן זאָל מען דורך זייער כוואַ־ליעווען אַרויף און אַראָפּ דערשפּירן דעם צאַפּל פֿון ווייטער היים, וועלכע שיקט אַהער

אירע בעסטע קינדער אויסצושטעלן דאָ אין די פרעמדע שטעט אַ מקום מנוחה, וואָס וועט אָטעמען מיטן ריח פון פאַרהייליקטער היים ביז די צייט פון דער אמתער גאולה וועט קומען.*

דאָס נייע פאַרוואָרצלען זיך, הייסט עס, דאַרף באַהויכט ווערן מיטן סאַמע היסטאָרישן אָנהייב, האָבנדיק דערביי דאָס געפיל אַז מ׳לעבט דאָ איבער אויף דאָס ניי דאָס וואָס איז שוין אַמאָל איבערגעלעבט געוואָרן אין דער היסטאָרישער היים אויף אַן אַנדער אופן. זאָל זיין אַז ס׳איז בלויז אַ פאַרהוילענע אָנונג, אַ סימבאָלישער אָנוווּנק אַזאַ, ווערט עס אַלץ די פאַרבינדונגס־שנור וואָס העלפט צו פילן זיך היימיש אין דער נייער פרעמד און גיבן איר אַן אייגענע הייליקייט און דויערנדיקן ווערט. דאָס לעבן און שאַפן דאָ ציט אירע זאַפטן פון דאָרט, פונעם היסטאָרישן נעכטן כדי צו קענען לעבן אינעם געראַנגל פון היינט פאַרן מאָרגן. פון דעם איז געדרונגען, אַז אינעם קינסטלערישן באַנעמען און זוכן אויסצודריקן דאָס פאַרוואָרצלען זיך אין דער נייער היים ווי אַן איבערשפּילן דעם היסטאָרישן גאַנג, דערשפּירט מען אויך די אינערלעכע פאַרבינד־שנור פון צייטן און געשעעטישן וועלכע חזרן זיך איבער (כאָטש אַלע מאָל אויף אַן אַנדער אופן).. ס׳איז נישט נאָר די אָפענע שווער־יקייטן פון היינט וואָס ווערן געשילדערט, נאָר אויך דאָס פאַרבאָרגענע ראַנגלען זיך פון די אַלטע זאַפטן וואָס זיינען אָנגעברייט צו נערן די נייע וואָרצלען. דער קינסטלערישער פאַרמעסט איינצונעמען די נייע לאַנדשאַפט און זי פאַראייגענען, וואָס דאָס איז דאָס חיות פון פּאָעטס שאַפן, קריגט דורך דעם אַ תיקון און הייבט אָן רעדן מיט אַ קערנדיק פּאָעטיש לשון פריש און ניי.

דער שעפערישער דרך פון י. י. שוואַרץ, אָנהייבנדיק מיט באַשיידענע פרוּוון צו שילדערן די נייע לאַנדשאַפט ביז צום מייסטערהאַפטן עפּישן נאָכגיין מיטן „ייד מיטן פּאַק״ אויף די זאַמדיקע וועגן פון קענטאָקי, איז דער ערשטער גרויס קינסטלערישער פאַרמעסט איינצונעמען די נייע פרעמד דורך דער היסטאָרישער פּריזמע פונעם אור־פּאָטערס גאַנג אין כנען. „קענטאָקי״ איז דעריבער נישט נאָר אַ ווערק פון גרויס מייסטערשאַפט און גבורה פון שילדערן די נאַטור און די מענטשן, נאָר דער עיקר אויך דער קינסטלערישער אויסדרוק פון איינהיימישן זיך אין דער פרעמד וואָס דאַרף ווערן היים. דער ייד „דזשאָשואַ״ איז פּאַקטיש און סימבאָליש דער וואָס שפּילט איבער דעם ערשטן גאַנג אין דעם נייעם לאַנד כנען. די רעאַלע פאַרוואָרצלונג מיט אַלע אירע נסיונות שטייט כסדר אונטער דעם גורל פון דעם שוין לאַנג געצייכנטן אָפענעם און פאַרבאָרגענעם איבערלעבן פון דעם ערשטן יידישן וואַנדערער פונעם חומש־לאַנד. גאַנצע קאַפּיטלעך בעטן זיך ממש געלייענט צו ווערן מיטן חומש־ניגון און טיף רירנדיקן צוזינג „גר ותושב אנוכי עמכם.״ אַ פרעמדער נאָך אָבער אַן איינגעזעסענער בין איך צווישן אייך. אויך די שכנים וועלכע לעבן מיט גאָר אַן אַנדער טראַדיציע און רעאַליטעט ווערן קינסטלעריש אָוועקגעשטעלט און באַלויכטן מיטן חומש שיין און געמיט ווי אַלטע באַקאַנטע שוין פון יענעם ווייטן אַמאָל מיט זיין גאַנצער בראשיתדיקייט.

צוזאַמען דערמיט ווערט דאָס ווערק כסדר געהאַלטן אין די ליניעס פון איצטיקער רעאַלער ווירקלעכקייט און די מענטשן ווערן געשילדערט נישט ווי בלויז שאָטנס פון אַ ווייטער פאַרגאַנגענהייט, נאָר ווי אַזעלכע וואָס זייער טאָג־טעגלעכע וואָר איז

*) זע וועגן דעם אין מסכתא שבת קח־א׳).

באַשיינט פון אַ פאַרהוילענעם אַמאָל וואָס נערט זייערע וואָרצלען פאַרבאָרגענערהייט. דאָס לעבן פון היינט וויקלט זיך אויס ווי אַ טייל פון דער מעשה פון אַמאָל:

„איז געקומען אַ ייד פון דער ווייט, אין דער פרעמד,
מיט די וווּנדיקע פיס, מיטן האַרצן וואָס קלעמט,
מיט פּאַק אויף פּלייצע, מיקט שטעקן אין האַנט,
אין דעם נייעם און פרייען און ריזיקן לאַנד.״

שוין אין דער ערשטער באַגעגעניש פונעם „ייד מיטן פּאַק״ מיט די קינדער פון לאַנד, איז די אַטמאָספערע אָנגעלאָדן מיט אַ ווייטער אָנונג פון עפּעס וואָס ער האָט שוין דורכגעמאַכט ערגעץ־ווו אַנדערש, כאָטש אין דערווירקלעכקייט ווייסט ער, אַז ער שפּאַנט דאָ דאָס ערשטע מאָל.

...„אין דעם רויטלעך שוואַרצן נעפּל, איז דער ייד
אַדורכגעגאַנגען מיטן שווערן פּאַק. —
און מאָדנע נאָענט באַקאַנט איז אים דאָס פאַרגעקומען: ס׳איז געווען
ווי ער וואָלט דאָס מיט יאָרן פיל צוריק
אַליין עס דורכגעלעבט און דורכגעמאַכט.״

די דאָזיקע פאַרהוילעכע אָנונג, שטאַרקט עס דעם פרעמדן נישט אומצוקוקן זיך און באַוועלטיקט ווערן פון דער שרעק פאַר די פרעמדע הינט וואָס האָבן נאָכגעבילן און די בייזע וואָר וואָס צעמישט אפילו דעם „לייטער חלום״ וועלכער הענגט מיטן שפּיץ אויף גאָרנישט און שוואַרצע שדימלעך מיט רויטע בליצנדיקע שאַרפע אויגן דראַפּען זיך אויף אים אַרויף און אַראָפּ. פון אָט דער פאַרהוילענער אָנונג גייט אויך אויף דער אַלטער ביטחון און אויסגעפּראַוועטער תפילה־ניגון וואָס גורט אָן די לענדן און דאָס האַרץ מיט נייע כוחות בייצושטיין אַלע נסיונות.

נאָכגייענדיק דעם ייד דזשאָשואַ, האָט י. י. שוואַרץ אַנטפּלעקט דאָס גרויסמענטש־לעכע אינעם געראַנגל פאַרן דערהאַלטן זיך אין דער נייער פרעמד, און זיך קינסטלעריש ז׳ערהויבן צו קענען שילדערן די מענטשן און די לאַנדשאַפט ווי אַן אייגענער, אַ היימי־שער. ער מאָלט די לאַנדשאַפט מיט אַזאַ פּאַעטישער גבורה, וואָס האָט כמעט נישט קיין גלייכן אין דער יידישער ליטעראַטור. ער איז פאַרבליפט פון איר שיינקייט און פול מיט באַוווּנדער פאַר אירע ריזיקע און פרימיטיווע אָפענע און באַהאַלטענע כוחות. ער שרעקט זיך מער נישט פאַר איר. ער זעט זי איצט מיט גאָר אַנדערע אויגן. ער זעט דאָס וואַקסן, דאָס שפּראָצן פון דער דאָזיקער ערד ווי נאָר אַ מענטשלעכע האַנט רירט זיך צו צו איר.

די דאָזיקע פאַרכלינעטקייט גייט אויך איבער אין זיין שילדערן די מענטשן און זייער שטייגער פון לעבן. איר זעט ממש ווי ער זיצט מיט זיי ביי איין טיש און פאַסמאַקעוועט זיך מיט די זעטיקע מאכלים. (אגב, דער דאָזיקער אופן פון שילדערן אַ פאַרברענגעניץ קומט אויך מייסטערהאַפט אַרויס אין דער פּאָעמע „יונגע יאָרן״) מ׳זעט ווי ער איז בגילופינדיק אויפגעהייטערט ווי זיי, אַזוי אַז עס דאַכט זיך אויס

אַז עס ווערן עפּעס ווי פאַרווישט די ביטערע איבערלעבונגען פון פריער אין אַ מין יסורים של אהבה געפיל, סובלימירט נאָך מיט אַ דינעם חנעוודיקן הומאָר וואָס שמייכלט נחתדיק צוריק צו די אָנהייב יאָרן, ווען „די זיידעס אויף די ווענט האָבן געפרוירן״ און דזשאַשואַ האָט איינער אַליין געהאַקט די פאַרפרוירענע ערד פאַרן ערשטן קבר פאַר זיין טעכטערל. ער ווייסט שוין, אַז —

„עס ליגט ערגעץ אַנדערש מיין טאַטע און רוט —
אָבער מיין קינד פון איר ערד איז אַ שטיק,
לויכט אין איר ליכט, איז באַגליקט פון איר גליק.״

(ליב איך די ערד)

צוזאַמען מיטן אַריינוואַקסן אינעם נייעם לעבן אַריין, ווערט דאָס אַמאָליקע מיט וועלכן מ'איז געקומען אַהער אַלץ בלאַסער און בלאַסער און אַוועקגעשטעלט אין פאַר־געסנקייט. דער פּראָצעס פון ניוועלירונג פון אַלטן שטייגער זעט אויס צו זיין דער פּרייז וואָס מ'צאָלט פאַר דער פאַרוואָרצלונג, פאַרן „אין באַגליקט פון איר גליק״. טרייסט זיך אָבער שוואַרץ און ווינקט אָן, אַז דער קוואַל וואָס האָט דורות לאַנג געקוואָלן מיט לעבעדיקן וויסן און שטרעבן, איז נישט פאַרשטאָפּט געוואָרן. ער קוועלט נאָר אַנדערש און פליסט אין באַזונדערע שטראָמעלעך אויף פאַרשידענע שטעגלעך וואָס קיינער קען נאָך נישט וויסן וווּהין זיי וועלן דערציען.

די אייניקלעך וועלכע דזשאַשואַ האָט נאָך דערלעבט צו זען, טראָגן אין זיך יעדער אויף זיין אופן עפּעס פון דעם וואָס האָט געלעבט אין אים. אמת, ער פאַרשטייט זיי נישט אין גאַנצן, דאָך פילט ער אַז אין זיי גייט אויף אין אַן אַנדער פאָרם עפּעס פונעם געזאַנג פון דורות וואָס איז אים נאָכגעגאַנגען אינעם נייעם לאַנד כנען אַריין. ס'איז דערפאַר נאַטירלעך זיין באַציונג און אָנשפאַרן זיך ממש אויף זיין אייניקל דייוויד, וועלכער האָט דעם זיידנס אָנהייב נישט בייגעוווינט און וועמען ס'איז פרעמד, אפילו דערווידער דאָס „באַגליקט״ ווערן ביזן פאַרגעסן זיך אין גאַנצן אין דער שפע פון אַרום. פּונקט ווי עס ציטערט אויף זיין אָפּגעשוואַכט האַרץ פון וויווינעס טוליען זיך צום אַלטן מיטאָס און ער דערפילט אין דעם אַ מין אויפוואַך פון בלוט פון די אָבות, פּונקט אַזוי באַנעמט ער דאָס עקשנות פון דייווידן, וועלכער וויל אַליין צולייגן אַ האַנט צו דער ערד אויף וועלכער ער טרעט. ווי קמצנותדיק ער איז געוואָרן אויף דער עלטער ציטערנדיק אויף יעדן גראָשן, לעבט דזשאַשואַ איבער אַ טיפע פרייד ביים העלפן דעם אייניקל אָנהייבן פון דאָס ניי אויף דער דאָזיקער ערד.

ס'איז נאַטירלעך דאָ נישט דאָס אָרט צו נעמען זיך חקרענען צי ס'איז אַן אמתע טרייסט צי בלויז אַ קינסטלערישע אילוזיע. פאַר אונדז איז גענוג דאָס וואָס עס וויזט אָן אויף דעם קינסטלערס דרך אין זיין שאַפן אָנצעווינקען אויף די בינד־געוועבן וואָס פלעכטן איין דור אינעם אַנדערן און עפענען די קוואַלן וואָס נערן די צייטן אָפּן און פאַרבאָרגן.

מיר געפינען דאָס אויך אין דער פּאָעמע „יונגע יאָרן״, וואָס איז געשריבן געוואָרן יאָרן נאָך „קענטאָקי״ און אונטער אַן אַנדער שטימונג אין גאַנצן, אין סאַמע מיטן פון גרויסן חורבן און באַלד דערנאָך. נישט בלויז אַ מצבה וויל ער שטעלן דער חרובער היים — ליטע. ער באַמיט זיך אויפשטעלן דורכן זיכרון די געוועזענע היים „וואָס איז

זלמן שלאָסער

# „די אַנדערשקייט פון אַמעריקאַנער יידנטום"

## אַ בוך עסייען פון שואל גוטמאַן

### I

אין זיין בוך „די אַנדערשקייט פון אַמע־ריקאַנער יידנטום" באַמיט זיך ד"ר שואל גוטמאַן אַריינצוטראַכטן אין די אַמערי־קאַנער פילאָסאָפישע און אידעאָלאָגישע טעאָריעס וועלכע ער פאָלגט נאָך און וועלכע קענען אפשר העלפן פאַרשטיין אונדזער „אַנדערשקייט". ער באַמיט זיך אַריינצודרינגען אין די גייסטיקע יוירונ־גען און זוכונגען פון דער יידישער אַמע־ריקאַנער אינטעליגעץ און אין דער קינס־טלערישער ליטעראַטור, וואָס יידן האָבן אין איצטיקן יאָרהונדערט געשאַפן דאָ אין לאַנד. צו הילף נעמט ער זיך די „פני" פון די אַמעריקאַנער ליבעראַלע אינטעלעקטואַלן ווי דזשאַן דיואי, האָראַס קאַלען, ריינהאָלד ניבור, סידני הוק און ענלעכע פאַרשטייער. יעדער איינער פון זיי האָט אין דער וועלט פון פרייען גע־דאַנק עפּעס מחדש געווען, וואָס איז כדאי צו וויסן, ווייל עס האָט אַ שייכות צום צענטראַלן געדאַנק פון בוך, הגם אַ בוך פון פאַרשידענע עסייען מוז נישט דווקא האָבן אַ צענטראַלן געדאַנק. און אפשר איז דאָ גאָר נישט נייטיק אַזאַ געדאַנק.

פאַרבלאַסט געוואָרן" און אָפט אפילו „פאַרשפּאָט געוואָרן" אינעם ברויז, געראַנגל און פאַרוואָרצלען זיך אין דער נייער פרעמד. די כוונה איז דער עיקר צוריק צו אַנטפּלעקן די וועלט פון וואַנען מ'איז געקומען, אויפצודעקן דעם קוואַל פון וועלכן מ'האָט געטרונקען און ממילא דערזען עס נישט ווי בלויז אַן איין מאָליקע דערשיינונג, נאָר ווי אַזאַ וואָס איז אָנגעפילט מיט דורותדיקן איבערלעבן, וואָס האַלט זיך כסדר אין איבערשאַפן און בלייבט דאָך איינציקאַרטיק און אייגנאַרטיק אינעם זין פון „אונדזער גאַנג דורך דורות". (אגב, דערקלערט דאָס אויך זיין כסדרדיק איבערגיסן און באַרייכערן די יידישע ליטעראַטור מיט די אַלטע קוואַלן פון פאַרשידענע תקופות).

די עפּישע מייסטערשאַפט פון „קענטאָקי", וועלכע ער באַנוצט אויך אין „יונגע יאָרן", איז דאָ פאַרוויי־כע־ט און פאַרטיפערט מיטן עלעגישן טרויען־טאָן פון זיינע ערשטע לידער און דאָ און דאָרט מיט אַ פאָלקסטימלעכן צו געלאָזטן דערציילן, באַגלייט אי פון אַ טרער און אַ קדיש יתום, און אי פון אַ ביטערן חשבון מיט דער וועלט נישט נאָר פון זיין צייט. (זע קאַפּיטלעך „פון דאָ און דאָרט", „שכנים", „פעלקער און זייערע געטער"). דערביי שיינט אויך צייטנווייז אַרויס פון דעם ווערק דער באַהנטער ליכטיקער הומאָר זיינער און די פולע פרייד וואָס איז דאָרט געווען וואָס האָט גע־שטאַרקט דעם כוח אויסצוהאַלטן און לעבן צו להכעיס אַלע שווערע נסיונות. די פּאָעמע „יונגע יאָרן" איז דעריבער אי אַ קינסטלערישער מאָנומענט פון דער אַלט־דיישער לאַנדשאַפט, אי אַ באַשייד פון דעם דרך פון י. י. שוואַרץ אין דער יידישער ליטעראַטור, פּונקט ווי „קענטאָקי" אין דער קינסטלערישער אפּאַטעאָז אינעם גאַנג פון פאַרהיימישן און אַריינשטעלן אין דער יידישער צייט די לאַנדשאַפט פון דער נייער פרעמד.

אויף ווי לאַנג? ווער ווייסט ווען און טאַקע ווי אַזוי ס'וועט וועמען באַשערט זיין צו געשטאַלטיקן דעם ענטפער.

וואָס ס'איז יאָ נייטיק איז: פרישקייט און פאַרטיפונג פון געדאַנק. טאָ וואָס קען זיין פרישער און טיפער ווי אונדזער זאָרג פאַרן קיום פון יידישן לשון און געדאַנק?

ווי מען קען זען פון זיין שרייבן איז פריינד גוטמאַן אַ שאַרפער באַאָבאַכטער און אַ גוטער סטודענט פון דער אַמעריקאַנער אַנדערשקייט. דער לייענער קאָן דאָ אַ סך לערנען פון די איבער פיר הונדערט זייטן מיט אינטערעסאַנטע און גייסטרייכע דיסקוסיעס. וואָרעם די טיגלווייז קורצע עסייען זיינען נישט קיין פאַרוואָסערטע פּאָפּולאַריזאַציעס פון פּאָפּולערע ביכער נאָר קלאָר געשריבענע אָפּהאַנדלונגען וועגן אינטעלעקטואַלן און אידעאָלאָגיעס, וועגן ליטעראַרישער דיכטונג, וועגן יידישן קיבוץ און דעם גורל פון יידישער וועלטלעכקייט אין אונדזער צייט. פון זיין זאַכלעכן און טייל מאָל ליידנשאַפטלעכן סטיל שרייט אַרויס אַ הייסער באַגער צו באַווייזן אַז וועלטלעכע יידישקייט, סעקולערע יידישקייט אין צוויי קולטורן כנוסח אַמעריקע איז, אָדער דאַרף זיין, דער יידישער דרך המלך, „די כוואַליע פון דער צוקונפט", מחמת פרייהייט פון גלויבן, פון וועלטלעכקייט און רעכט אויף אַנדערשקייט פון אייגענער קולטור זיינען די יסודות פון דער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע.

די „אַמעריקאַנער אידעע" פון פרייהייט און דעמאָקראַטיע, לערנט פּראָפעסאָר האָראַס קאַלען, שליסט איין דאָס רעכט צו זיין אַנדערש; אַז אַנדערשקייט און פרייהייט זיינען צוויי אויסדרוקן פון איין פּראָצעס. אויב מיר פאַרלירן די רעכט צו זיין אַנדערש, פאַרלירן מיר אויך די רעכט צו זיין פריי. עס איז בלויז נישט זיכער, לויט ד"ר גוטמאַן, צי וועלטלעכע יידישקייט מוז זיין מיט יידיש, צי אָן יידיש, און אפשר מיט יידיש ווי אַ צווייטע שפּראַך.

מען מוז זאָגן אַז דאָס איז נישקשה פון אַ פאַרנעם, מחמת חוץ וויסן פאָדערט זיך דאָ אויך געוואַגטקייט, געוואַגטקייט פון געדאַנק. למען האמת מוז מען צוגעבן אַז דער מחבר פאַרמאָגט ביידע מעלות. ער איז גוט באַהאַוונט אין דער אַמעריקאַנער סאָציאָלאָגיע און האַלט זיך שטאַרק ביי דער עצה פון זיינע גרויסע לערערס, באַזונדער פון פּראָפ' האָראַס קאַלען, אַז פריער דאַרף מען באַנעמען אַן ענין מיט אַן 'אָפענעם קאָפּ', פאַרשטיין דעם געדאַנקען-גאַנג און ערשט נאָך דעם קריטיקירן אָדער נעגירן."

ווי אַ זאַכלעכער דענקער נעגירט שואל גוטמאַן וויניקער ווי ער אַפירמירט, וויניקער ווי ער באַשטעטיקט און לויבט. אַנשטאָט צו קריטיקירן און אַראָפּצורייסן אונדזער אַנדערשקייט, ווי דער אימיגראַנטישער נוסח פלעגט אַמאָל זיין אין די ערשטע „גרינע" יאָרן, אַפירמירט און אַקצעפּירט ער די אַמעריקאַנישע אַנדערשקייט כדי דורך דעם צו קענען בויען אונדזער יידישע וועלטלעכקייט כנוסח אַמעריקע. דאָס הייסט, צו בלייבן פאַרוואָרצלט סיי אין דער יידישער און סיי אין דער אַמעריקאַנער קולטור. ער אַנאַליזירט און פאָרשט די פאַרשפּרייטע מיינונג און „שרעק" אַז די אַמעריקאַנער צ י וו י ל י ז אַ צ י ע, דער „אַמעריקאַנער חלום" האַלט אין פאַרשווינדן און ווערט אָפּגעשוואַכט צוליב די בייזע ווינטן פון די טאָטאַליטאַרע, דיקטאַטאָרישע מלוכות פון איין זייט און די רעאַקציאָנערע ערב-רב, וואָס וויל זיך באַטראַכטן ווי די „מאָראַלישע מערהייט, פון דער אַנדערער זייט. ער באַקעמפט די פאַלשע מיינונגען אַז דער יידישער ליבעראַליזם, צוזאַמען מיטן סעקולאַריזם, וואָס איז אַמאָל געווען דער קען-צייכן פון דער יידישער געזעלשאַפט, ווערט אַלץ מער און מער קאָנסערוואַטיוו. ער ברענגט פילאָסאָפישע ראיות פון אַזעלכע קענער פון געשיכטע ווי הענרי קיסינדזשער, וואָס האַלט אַז ציוויליזאַציעס זיינען נישט אייביק; ראיות פון אַזעלכע פּאָליטיקער ווי דער דיפּלאָמאַט דזשאָרדזש קענען, וועלכער האָט שטענדיק געהאַלטן פון „אַמעריקאַנער עקספּערימענט" און געשיכטע, מיינט אָבער איצט אַז אַלע אַמאָליקע פּאָזיטיווע ליבעראַלע הנחות און טעאָריעס האָבן פּאַקטיש געפּלאַצט. „אין די ראַמען פון אונדזער אורבאַניזירטער, גרויס-שטאָטישער ציוויליזאַציע — דענקט דזשאָרדזש קענען — איז נישטאָ קיין לייזונג צו די פּראָבלעמען וואָס מאַטערן היינט דער געזעלשאַפט. אונדזער דערפאַרונג און קולטור איז אַנדערש ווי די אייראָפּעישע."

ד״ר גוטמאַן נעמט נישט אָן, נאָר נעגירט אָט דעם פאַרשפּרייטן פּעסימיזם פאַרקערט, ער האַלט אַז זייער פּעסימיזם און דעפּיטיזם זיינען גאָר פאַקטאָרן אין דעם באַרג־אַראָפּ פון אַמעריקעס ראָלע אין דער וועלט. אַנשטאָט אָט דעם דעפּיטיזם ברענגט גוטמאַן אויסצוגן און באַווייזן פון אַזעלכע דענקער ווי דזשאַן דיואי, האַנס קאָהן, מאָריס קאָהען, האָראַס קאַלען און אפילו אַזעלכע ווי וואָלטער ליפּמאַן און ריינאָלד ניבור, וואָס האַלטן אַז די וועלט איז פול מיט מעגלעכקייטן, וואָס זיינען אַן אַרויסרוף צום פרייען ווילן פון מענטש צו בויען און שאַפן און לעבן בשלום; אַז נישט קוקנדיק אויף אַלע חסרונות בלייבט נאָך אַלץ אַמעריקע אַ מוסטער, אַ שיינטורעם פאַר דער וועלט.

שואל גוטמאַן נעמט צו הילף דעם גרויסן געלערנטן פון ענגלאַנד, ישעיה בערלין, וואָס האָט געמאַכט אַ „קנייטש" אין די מאַרקסיסטישע „אייזערנע געזעצן" פון געשיכטע, און צוזאַמען מיט אים לייקנט ער די אַלטע אַלגעמיין אָנגענומענע טעאָריע, אַז געשיכטע אַנטוויקלט זיך לויט אייביקע געזעצן וואָס מען קען אָפּלערנען פון דער פאַרגאַנגענהייט. ער שלאָגט אָפּ די האַלבע־אמתן וואָס ווערן פאַרשפּרייט אויף דער יידישער גאַס, די האַלבע־אמתן וואָס דאַרפן באַווייזן אַז אויך דאָ אין אַמעריקע וועט זיך איבערחזרן דער „היסטאָרישער פּראָצעס" פון אַנטיסעמיטיזם און אַסימילאַציע, ווי אין אייראָפּע; די האַלבע־אמתן מיט די סטאַטיסטישע ציפערן וואָס דאַרפן באַווייזן ווי שנעל עס פאַרגרעסערט זיך די צאָל פון געמישטע חתונות און ווי שנעל עס פאַרקלענערט זיך די יידישע באַפעלקערונג און אַז פון דעם איצטיקן פיל־מיליאָניקן יידישן קיבוץ וועט ביים סוף פון יאָרהונדערט בלייבן אפשר איין מיליאָן; אַז די שפּראַכלעכע און קולטור אַסימילאַציע, וואָס הערשט איצט, גראָבט אונטער די יידישע נאַצי נאַלע אייגנאַרטיקייט.

דעם הערשנדיקן פּעסימיזם, וואָס שטאַמט פון דער „שמעלץ־טאָפּ" אידעע באַקעמפט גוטמאַן מיט דער קולטור־פּלוראַליזם־טעאָריע פון האָראַס קאַלען; מיט דער גרויסער דערוואַכונג פון נייעם עטניציזם ביי די פאַרשידענע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין לאַנד, וועל כולם ווייזט ער אָן ווי אַנדערש די אַמאָליקע עמאַנציפּאַציע פון די יידן אין מערב־אייראָפּע האָט זיך אויסגעווירקט אויף די יידן אין מזרח אייראָפּע. בעת אין מערב אייראָפּע האָט עס דערפירט צו אַ יידישן שיפלות־געפיל, צו קנעכטשאַפט אין פרייהייט (עבדות בתוך חרות) ווי אחד־העם האָט עס פאָרמולירט, האָט עס אין מזרח אייראָפּע מיט אירע מולטי־נאַציאָנאַלע שטאַטן און קאָמפּאַקטנע מאַסן מיט אַ נידעריקער נישט־יידישער קולטור און אַ שטאַרקן יידישן שטייגער־לעבן, אָנגענומען גאָר אַן אַנדערן כאַראַקטער, וואָס האָט געפירט נישט צו אַסימילאַציע נאָר צו אַ נאַציאָנאַלער קולטור אויפלעבונג און רייכער יידיש־העברעישער ליטעראַטור אַנטוויקלונג.

די עמאַנציפּאַציע, די השכלה, האָט זיך טאַקע באַנוצט מיט דער פאָלקס־שפּראַך, מיט יידיש, בלויז ווי אַ מיטל צו פאַרשפּרייטן זייערע אידעען, אָבער טוענדיק דאָס האָט זי נישט ווילנדיק געהאָלפן פאַרוועלטלעכן די שטייגערישע יידישע קולטור און דערציונג — פאַרוועלטלעכן, אָבער נישט אָפּרייסן דאָס יידישע פון דאָס וועלטלעכע. זיי האָבן געשטרעבט צו פאַרבינדן תורה מיט וועלטלעכע לימודים ווי וויסנשאַפט, מאַטעמאַטיק און שפּראַכן. זיי האָבן זיך גערעכנט מיט אונדזער אייגנאַרטיקן גאַנג און זיי האָבן געהאַט דעם מוט צו זיין אויטענטיש יידיש, און נישט ווי אין מערב אייראָפּע, ווו זיי האָבן זיך געוואָלט צופּאַסן צום דרויסן און דעריבער זיך ווייניק גערעכנט מיטן אייגענעם יידישן דרך.

פאַרשטייט זיך אַז ד״ר גוטמאַן שרייבט דאָ נישט קיין געשיכטע און דאַרף דעריבער נישט אַריינגיין אין דעם פאַרביטערטן קולטור־קאַמף וואָס דאָס האָט גורם געווען אויף דער יידישער גאַס. ס'איז גענוג זיין אַלגעמיינע באַהויפּטונג, אַז צוליב דער שטענדיקער סכנה פון פיזישער עקזיסטענץ וואָס די רדיפות און פּאָגראָמען האָבן געשאַפן, האָבן יידן געמוזט אָפּגעבן זייער הויפּט ענערגיע אויף זייער קאָלעקטיווער עקזיסטענץ און זייער ווייניק אויף קיום היחיד, אויפן אינהאַלט פון יחידס לעבן.

אַנדערש איז אָבער דאָס יידישע לעבן
אין דער פֿרייער אַמעריקע, ווו עס דראָעט
נישט דעם יידישן קאָלעקטיוו קיין פֿיזי-
שער אומקום. דאָ, זאָגט מען, מוז מען
זיך אָפּגעבן מיטן זינען פֿון פֿיזישער עק-
זיסטענץ, מיטן אינהאַלט פֿון יחידס לעבן
— אויב מען וויל פֿאַרזיכערן נאַציאָנאַלן
המשך. דער יידישער אינהאַלט מוז באַ-
זינען דעם יידישן קיום.

יידישער אינהאַלט איז אַן אַלגעמיין
ברייטער און דינאַמישער טערמין, וואָס
ווערט גענוצט אין די פֿרומע קרייזן ווי
אין די סעקולערע קרייזן, און וואָס ווערט
אין דעם טאָג־טעגלעכן געברויך אַלץ מער
פֿאַריידישט, אַלץ מער פֿאַרבונדן מיט
שטייגער און טראַדיציע. ס'איז אין
שטענדיקער ענדערונג און איז אויך כולל
אַנטקעגנגעזעצטע אידעאָלאָגיעס, אָנהיי-
בנדיק פֿון סאַטמאַרער פֿאַנאַטיזם ביז
עקסטרעמען אַטעיזם. מען קען טאַקע
יידישן אינהאַלט טייטשן אַנדערש אויך,
מען קען אָבער נישט אויסמיידן דאָס ראַ-
ציאָנאַלע, דאָס וויסנשאַפֿטלעכע וואָס דאָס
איז כולל. די טאָג־שולן, די ישיבות און
ספּעציעל דער ישיבה־אוניווערסיטעט
וואָלטן נישט געקענט עקזיסטירן און זיך
אויסשפּרייטן אויב זיי וואָלטן זיך מיט
דעם נישט גערעכנט.

דאָס איז אויך חל אויף די עקסטרעמע
סעקולאַריסטן וועלכע מיינען אַז מ'קען
אָפּטיילן דאָס יידישע פֿון דאָס וועלטלעכע
און בלייבן בלויז ביי דער דריי־אייניקייט,
דעם דריי־גאָרנדיקן יסוד וואָס די מאָ-
דערנע צייט האָט אויפגעשטעלט —
ראַציאָנאַליזם, וויסנשאַפֿטלעכקייט און
סקעפּטיציזם, אָדער פֿילאָסאָפֿישן רעלאַ-
טיוויזם.

בשייכות אָט דער דריי־אייניקייט דער-
ציילט גוטמאַן אַן אינטערעסאַנטע איבער-
לעבונג:

„אַ סך מאָל ווען איך בין געווען אין
אַ יאוש־שטימונג און איך האָב גע-
דאַרפֿט גיין צו אַ פֿאַרזאַמלונג כדי צו
דערמוטיקן, צו שטאַרקן די הענט פֿון
לערערס און שול־טוערס, פֿלעגט מיר
קומען צו הילף אהרן צייטלינס פּאָעזיע.
לייענענדיק זיינע לידער פֿלעג איך זיך
אָנשעפּן מיט אמונה, מיט דערהויבנ-
קייט, אַז איך בין געוואָרן בכוח צו איינ-
ספּירירן און צו הייבן די הענט ביי
אַנדערע. און דעם דאָזיקן כוח מיך צו
באַפֿליגלען האָבן פֿאַרמאָגט אויך אַזעל-
כע לידער צייטלינס, וועמענס געדאַנק-
לעכער אינהאַלט, וועמענס מוסר־השכל
איז פֿאַר מיר נישט געווען אָננעמבאַר."

ווי אַזוי דערקלערט זיך דאָס? — קען
מען פֿרעגן.

„מסתמא ווירקט דאָ אַן אַטאַוויזם,
וואָס איז טיף פֿאַרבאָרגן אין יעדן ייד,
וואָס וואָרצלט אין יידישן גייסטיקן
באָדן" — איז גוטמאַנס ענטפֿער.

עס ווייזט אויס אַז די פֿילאָסאָפֿישע
דריי־אייניקייט פֿון דער מאָדערנער צייט
איז ניט גענוג צו בויען, שאַפֿן און ממשיך
צו זיין, נאָר מען מוז אויך אָנקומען צו
עמאָציאָנעלע פֿאַקטאָרן פֿון גלויבן, האָפֿע-
נונג און ביטחון. וואָרן וועלטלעכע יידן
האָבן נישט קיין פּאַרטיקע ענטפֿערס אויף
אַלע פֿראַגן. אין אַן עת־צרה, זאָגט דער
מחבר, כאַפּט זיך אויף אין יידס לעבן אַן
אַטאַוויזם, אַ צוריקקער צום גלויבן פֿון
זיינע אָבות, וואָס גיט אים אַ געפֿיל פֿון
פֿאַרוואָרצלטקייט, פֿון זיכערקייט. דער
פֿרומער ייד האָט אַ פּאַרטיקן ריטואַל, אַ
לעבנסשטייגער וואָס פֿאַרקייטלט אים אין
אַ בונד מיט די פֿריערדיקע דורות. דער
נישט־פֿרומער ייד האָט נאָך דערווייל
נישט געפֿונען אַזאַ ריטואַל, וואָס זאָל אים
עמאָציאָנעל פֿאַרקניפּן מיטן כלל ישראל.
אַלע אַמאָליקע אידעאָלאָגיעס האָבן זיך
אויסגערונען און פֿאַרלאָרן זייער ווערט
און זין אין אַן עת צרה. מען גיט זיך
איצט נישט אָפּ מיט אייביקע פּרינציפּן,
מיטן אַבסאָלוטן, האָבן וועלטלעכע יידן
זיך אַרומגעזען, אַז אויך זיי נייטיקן זיך
אין געוויסע יידישע טראַדיציעס, וואָס
פּאַסן זיך אַריין אין אַ סעקולאַריזירטער
וועלט מחמת די אָפֿענע אַמעריקאַנער גע-
זעלשאַפֿט און דער מאָדערניזם גראָבן
אונטער די טראַדיציאָנעלע ווערטן וואָס
האַלטן אונדז צוזאַמען.

פֿון דעסטוועגן קען מען נאָך אַלץ אָפּ-
ווענדן דעם דראַנג קעגן די טראַדיציאָ-
נאַלע ווערטן ווען מען טראַכט זיך אַריין
אין מאָריס קאָהענס טעאָריע פֿון פּאָלאַריזם
וואָס שואל גוטמאַן דיסקוטירט טאַקע אין
די עסייען פֿון זיין נייעם בוך. דאָס זעלבע